# דער שלאָף פֿונעם שׂכל

## לאה ראָבינסאָן

"דער שלאָף פֿונעם שׂכל פּראָדוצירט מאָנסטערן" — גויאַ.

פֿלאַטערלעך, זומער-פֿייגעלעך, באַבעטשקעס, מאָלן — ברואימלעך פֿון דער חלום-וועלט צי גאָר פֿונעם גן-עדן! מע פֿאַרבינדט זיי מיט דער מענטשלעכער נשמה (פּסיכע), און מיט תּחית-המתים.

פֿאָרט פֿלעג מען זיי — און מע טוט עס נאָך — פֿאַרטיק מאַכן אין אַ "טייטסלוי" און באַווײַזן די מייסימלעך זייערע אין גלעזערנע קאַסטנס ווי די איידלשטיינער. לעצטנס האָט מען אָבער צוגעטראַכט אַ באַהאַנדלונג פֿון די פֿלאַטערלעך, וואָס איז כּלומרשט מענטשלעכער: מע לאָזט זיי לעבעדיקערהייט אַרומפֿלִיען אין אַ "וויוואַריום".

ווען איך האָב זיך דאָרטן אַרײַנגעכאַפּט, נאָכן אויסצאָלן אַ היפּשע סומע געלט פֿאַרן בילעט, איז די סצענע געווען קאַלירפֿרײַך און כּמו-מונטער, אָבער זייער וואַרעם און דושנע. מע וואָלט געמיינט אַז מע טרעט אַרײַן אין אַ באָד; אָבער דאָ זײַנען נישטאָ קיין באַדיונגען מיט ריטער וואָס שלאָגן די געסט. ס'איז שיעור נישט פֿאַרקערט; קיינער שלאָגט נישט חלילה, אָבער די בידנע באַדיונגען, דאָס הייסט די פֿלאַטערלעך, אַנטלויפֿן און די געסט יאָגן זיי נאָך. אַוועקלייגנדיק דעם מעטאַפֿאָר אין אַ זײַט, לאָמיך דערקלערן אַז די דערוואַקסענע געסט, מיט די צוויי-דרײַ שומרים, האָבן דערלאָזט די קינדערלעך יאָגן זיך נאָך די פֿלאַטערלעך, אויפֿהייבן זיי און לאָזן זיי קריכן אויף די קינדערשע הענט. מער נישט, עס האָט אַ מאָל געטאָן אַ רוף אויס אַ שומר "באַרירט זיי נישט די פֿליגעלעך!" עס האָט געהייסן, דאַכט זיך, אַז די איידעלע באַשופֿעטע פֿליגעלעך דאַרף מען יאָ שאַנעווען, בשעת דער רעשט פֿלאַטערל-גוף איז נעבעך הפֿקר...

כ'האָב ביסלעכווײַז באַקומען אַלץ מער רחמנות אויף די אַנגעמוטשעטע אינסעקטן, ווײַל איך האָב דערפֿילט אַז זיי האָבן מורא. טייל האָבן זיך צוגעטוליעט צו בלעטער, געפּרוווט זיך קאַמופֿלירן; אַנדערע זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פֿון דער סטעליע. בלויז די גרויסע בלאָע "מאָרפֿאָ"-פֿלאַטערלעך זײַנען דורכגעפֿלויגן אַהין און צוריק צווישן די מענטשן, עלעהיי צווישן ביימערשטאַמען אין אַ וואַלד.

ס'איז מיר באַלד נימאס געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגיין. "ס'איז גוט וואָס מע פֿעלט זיי כאָטש שׂכל אויף צו פֿאַרנעמען זייער מצבֿ, ווי מיר מענטשן וואָלטן עס געקענט טאָן," האָב איך זיך געטרייסט בעת איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, בעסער געזאָגט — צו די טירן, ווײַל צווישן טאָפּעלע טירן איז געווען אַ מין קאַראַנטין-צימערל ווו אַ שומר האָט די אַרויסגייענדיקע "אָפּגערייניקט", ווי ער האָט געזאָגט, פֿון פֿלאַטערלעך וואָס ווילן אויך אַרויס. "איינס פֿון זיי האָט געפּרוווט 'פֿאַרשוואַרצן די גרענעץ' בײַ מיר אויפֿן היטל!" האָט ער אונדז דערציילט.

פֿון עק אויג האָב איך באַמערקט אַז סע קלאַמערט זיך צו צום גרינעם רענצל, וואָס באַמבלט מיר אַראָפּ פֿון לינקן אַקסל, עפּעס קליינס און באַפֿליגלטס... כ'דאַרף עפּעס זאָגן דעם שומר, ווײַל די פֿלאַטערלעך געהערן דאָך דעם מוזיי, און דערצו קען זײַן צו קאַלט פֿאַר זיי אין דרויסן. צוריקגעשמועסט, פֿאַר וואָס זאָל איך זײַן אַ מוסר, אויסגעבן אַ מיט-באַשעפֿעניש וואָס וויל נאָר האָבן די זעלבע פֿרײַהייט וואָס איך? האָב איך זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. אָבער פֿאַרפֿאַלן — דער שומר זעט שוין. ער שרעקט אויס אַ האַנט, וויל צונעמען דאָס פֿלאַטערל. דריי איך זיך, האַלב נישט-ווילנדיק, אַוועק. "זײַט אַזוי גוט, מאַדאַם", מאַכט ער צו מיר, "דערשרעקט זיך נישט און בלײַבט שטיין, אַנישט וועט דאָס מזיקל זיכער אַוועק!" און ער דערנענטערט זיך צו מיר.

כ'האָב זיך אָבער געגומען דרייען גאָר גיכער, און פֿאַרשטייט זיך אַז דער קאָפּ האָט זיך מיטגעדרייט...ס'איז מיר געוואָרן נישט-גוט. די פּנימער פֿון די אַנדערע "קאַראַנטינקעס" האָבן אַרויסגעקוקט ווי פֿון אַ נעפּל-שלעער, און זײַנען פּאַוואָליע גרעסער געוואָרן. די אויסגעשטרעקטע האַנט פֿון שומר האָט אויסגעזען ווי אַ כמאַרע... אַ טאָרנאַדאָ... דער גאָלדענער דאַשיק פֿון זײַן היטל — ווי אַ בליץ... און די קנעפּעלעך פֿון מונדיר — ווי פֿײַערדיקע מעטעאָרן...

מיט אַ שטויס און אַ ווייכן "טאַראַראַך" פֿון צעפֿלאַשעטע פֿליגל ווערט דאָס פֿלאַטערל, וואָס איז אויך געוואָרן משונה-גרויס, צוריקגעשלײַדערט אין וויוואַריום אַרײַן. אונטער מיר און איבער מיר האָבן זיך צעשפּרייט, צעשאַרכעט, צעגלאַנצט, צעפֿינקלט די שופּן, ווי די שינדעלעך, אויף זײַנע הויכע זעגל-פֿאָרמיקע פֿליגל, אָראַנזש און שוואַרץ; און אויף זײַן טונקעלן רוקן וואָס איז געווען זייער ברייט און שטאַרק. דאַכט זיך אַז איך בין מגולגל געוואָרן אין

עפּעס אַ נישטיק זשוקעלע, צי גאָר אַ מילב; און איך רײַט בײַם פֿלאַטערל אויפֿן קאַרק ווי אויף אַ פֿערדל. ס׳האָט זיך דערוועט אין מיר דער מענטשלעכער יצר צו באַהערשן אַלע אַנדערע חיות, אפֿילו אַזאַ וואַזשנע חיה ווי די; אָדער רופֿן "וויאָ, וויאָ" ווי צו אַן אמת פֿערד האָט עפּעס נישט געפּאַסט. דערצו האָב איך זיך געזאָגט אַז עס איז בטבֿא אַ ווילד באַשעפֿעניש און וועט מיך פֿאַרשטיין נאָך ווייניקער, איידער ווען עס איז טאַקע אַ פֿערדל. האָב איך געשוויגן. דערווײַלע האָט דאָס פֿלאַטערל געשוועבט זיגזאַגיש דורכן צימער, האָב איך אין אים געמוזט פֿעסט אָנהאַלטן, ווײַל צווישן אונדז און דער פּאַדלאָגע איז געווען אַ מהלך פֿון עטלעכע פֿוס.

"ס׳אַ חוצפּה, מאָנאַרכעלע-מזיק — ווי קומסטו עס אַרויסצוקריכן פֿון געפֿענקעניש, זײַענדיק אָקערשט אויס גולמל? מיר, די עלטערע פֿלאַטערלעך, זײַנען דען נישט בילכער? — און מיר בלײַבן דאָ!"

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, מיינענדיק אַז ס׳רעדט פֿון אונטן עפּעס אַ מענטש. ווײַזט זיך אָבער אַרויס אַז דאָס "רעדט" — אָבער ווי קען עס געמאָלט זײַן אַז זיי ריידן — מיט די מעכטיקע קײַערס נאָך אַ פֿלאַטערל, מיט אויגן ווי קאַפּויערדיקע צעגליטע טעפּ, אַ "נאָז" (פּראָבאָסקיס) ווי דיקער שפּאַגאַט און פֿליגל מיט געלע און שוואַרצע פּאַסן און בלאָע פּינטעלעך.

"טשעפּע זיך שוין אָפּ, פּאַפּיליאָ, פֿונעם יונגן מאָנאַרכעלע", ברומט אויס נאָך אַ פֿלאַטערל, זייער אַ גרויס מיט שוואַרץ-גרינע פֿליגל, און אַ קערפּער ווי אַ בינטל זונשטראַלן, וואָס ס׳האָט געשוועבט מיט די אַנדערע אין מיטן דער פּאַרנער לופֿט. "דו ווייסט אַז אַ ל ע, אַ ל ע ווילן אַרויס — כאָטש מיר ווייסן טאַקע נישט וואָס ליגט הינטער די טויערן. ס׳קען זײַן אַז דאָרטן געפֿינט זיך אַן אָפּגרונט אַ וויסטער, אָן ליכט, אָן וואַסער, אָן האָניק. קיינער ווייסט נישט."

"ניין, פֿויגל-פֿליגל", האָט געמאַכט אַ פֿערט פֿלאַטערל, וואָס האָט זיך געשימערט מיט רעגן-בויגן-קאָלירן, "וואָס רעדסטו, במחילה, אַזוי עם-הארציש? וואָס פֿאַר אַ דערציונג וועט מאָנאַרכעלע דערפֿון אַרויסבאַקומען? מיר ווייסן שוין יאָ אַ היפּש ביסל וועגן דער דרויסנדיקער וועלט. הערט זיך אײַן, אַלע —"

"אויב דו וועסט דערציילן אַ לאַנגע מעשׂה, אָדער אַ דרשה, קאַלימאַ", האַקט אים איבער פּאַפּיליאָ, "איז לאָמיר קודם געפֿינען אַן אָרט אויפֿן שפּיץ קוסט, ווו י ע נ ע ל ײַ ט וועלן אונדז חלילה נישט קענען שטערן."

האָבן זיך די פֿיר פֿלאַטערלעך, מיט מיט בײַ מאָנאַרכעלע אויף די פּלייצעס, אויסגעשטעלט אויף אַ הויכן בלעטערצווײַג. האָט קאַלימאַ אָנגעהויבן:

"כ׳האָב זיך דורכגעשמועסט מיט מוסקאַ, אונדזער צײַטווײַליקער גאַסט —"

"ווער איז דאָס — מוסקאַ?" פֿרעגט פֿויגל-פֿליגל.

"אַ שטוביקע פֿליג. אַזוי רופֿט מען זיי, ווײַל זיי וווינען אין בנינים, אָבער אין עער אמתן זײַנען זיי ווילדע חיות, ווי מיר."

"דו רעדסט מיט פֿליגן?" פֿרעגט פֿויגל-פֿליגל, אַ פּנים גאַנץ אומצופֿרידן. "דו ווייסט מסתּמאָ אַז זיי זײַנען נישט קיין מיטגלידער פֿון אונדזער אָרדן? — די געמיינע, מיאוסע באַשעפֿענישן!"

"צו אונדזער אָרדן 'לעפּידאָפּטעראַ' געהערן זיי נישט," זאָגט קאַלימאַ געדולדיק, צווינקנדיק צו מאָנאַרכעלע ווי ער וואָלט אים געוואָלט, פֿאַרן זעלבן געלט, אויסלערנען אַ קאַפּעטשקע טערמינאָלאָגיע. "אָבער צום זעלבן קלאַס ווי מיר, אינסעקטאַ, געהערן די פֿליגן יאָ — און אויפֿן קלאַסן-באַוווסטזײַן טאָר מען נישט צו פֿיל פּײַפֿן! פּונקט ווי מיר, האָבן די פֿליגן צו זינגען און צו זאָגן פֿון די ריזן-אָפּפֿרעסערס."

"וואָס זײַנען דאָס די ריזן-אָפּפֿרעסערס?" פֿרעגט אויף אַ הויך, עפּעס נישט-דערבאַקן שטימעלע דאָס יונגע מאָנאַרכעלע, און איך האָב זיך שטיל געשעמט וואָס מײַן "פֿערדל" קלינגט אַזוי אומוויסיק — כאָטש איך אַליין, דאַרף איך צוגעבן, האָב אויך נישט געוווּסט.

"כאַ-כאַ-כאַ," מאַכט פּאַפּיליאָ, "ער ווייסט נישט מיט וואָס מע עסט עס, פֿרעסט עס, כ-כאַ-כאַ! די ריזן-אָפּפֿרעסערס, אין

דרערד אַרײַן, זײַנען דאָך אונדזערע באַדריקערס פֿון קדמונים אָן.″

″ווי קען דאָס אָבער זײַן?″ באַוווּנדערט זיך מאָנאַרכעלע. ″כ׳בין אַליין געווען אַן אָפּפֿרעסער נאָך איידער איך בין געוואָרן אַ גוילעמל. זיי זײַנען ייִנגער, וויִיניקער אַנטוויקלט ווי די גולמס, און פֿון די דערוואַקסענע פֿלאַטערלעך איז שוין אָפּגערעדט.″

″און דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן,″ רופֿט אויס פּאַפּיליאָ, ″— זייער נישט-אַנטוויקלטקייט! זיי ווילן קיין מאָל נישט אויסוואַקסן, קיין מאָל נישט קריגן קיין פֿליגל, זײַנען זיי אונדז שטאַרק מקנא און זיי פּײַניקן אונדז. *** כ׳האָב געהערט זאָגן אַז זיי מאַכן פֿון אונדז מאָנסטערן — ווערמען אַ גיגאַנט, ווערמען אַ קאַרליקל, און אַנדערע פֿון אונדז — קאָלערליי אויסטערלישע פֿאַרקרימטע געשטאַלטן. דאָס טוען זיי אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס ווי מע רופֿט זיי, אָבער זיך אַליין קענען זיי אַלץ נישט מאַכן וואַקסן קיין שום פֿליגל. קוק זיי נאָר אָן, די מגושמדיקע בערג פֿלייש!″

פּאַפּיליאָ האָט מיט זײַנס אַ טאָפּערל אָנגעוויזן אויף די מענטשן אונטן, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז בײַ אים זײַנען מיר — דאָס הייסט זיי, די מענטשן — נישט מער ווי אָפּפֿרעסערס! אפֿילו אין מײַן זשוק- אָדער מילב-געשטאַלט האָב איך זיך באַליידיקט. אָבער גלײַך נאָך דעם האָט פֿויגל-פֿליגל אויסגערופֿן:

″נו, קאַלימאַ, צוריק שוין צו דער מעשׂה מיט דער פֿליג-שמיג, מישטיינס-געזאָגט.″

″וואָס פֿאַר אַ ׳שמיג׳, וואָס פֿאַר אַ ׳מישטיינסגעזאָגט׳?″ איז קאַלימאַ סוף-כּל-סוף אין כּעס געוואָרן, גענומען פֿאָכען מיט די טאָפּערלעך.

″שאַ, שאַ, דערצייל שוין בעסער די מעשׂה!″ זאָגט פּאַפּיליאָ באַרויִקנדיק.

″נו, זי איז אַרײַן דאָ, זוכנדיק אַ טרונק צוקער-וואַסער אָבער אויך, צום טייל, אויס מיטגעפֿיל מיט אונדז, געפֿאַנגענע. האָט זי מיר דערציילט פּלאַי-פּלאַים וועגן דער דרויסנדיקער וועלט. ס׳איז טאַקע נישט אַזוי פֿויגלדיק דאָרטן, דאָס הייסט, ס׳איז יאָ פֿויגלדיק אין אַ שלעכטן זין, ווײַל אַ חיה מיטן נאָמען ׳פֿויגל׳ קען אין איין רגע אַראָפּשלינגען אַן אינסעקט. אין דער זעלבער צײַט איז אָבער דער דאָזיקער געהיינעם אויך אַ מין גן-עדן, ווײַל ס׳איז אַזוי שיין און גרעאַם, מיט אַ ברייטער בלאָער סטעליע פֿונעם קאָליר פֿון אונדזער באַליבטן ׳מאָרפֿאָ׳, און אַלערליי עסנוואַרג און ריחות —″

″יאָ, מיר איז באַקאַנט דאָס געשמאַק פֿון די פֿליגן″, רײַסט איבער פֿויגל-פֿליגל. ″שאָלעכץ, סטערוועס און מיסט!″

″זײַנען מיר דען אַנדערש? האָבן מיר אויך נישט ליב אַ פֿאַרפֿוילט שטיקל פֿרוכט? מילא — איין זאַך וועסטו געפֿינען פֿאַר אינטערעסאַנט: אַז דאָרטן איז דאָ פּלאַץ פֿאַר יעדן. און סײַדן מע פֿאַלט צו די ריזן-אָפּפֿרעסערס אין די פּיסלעך אַרײַן, דאַרף מען מיט זיי קיין מאַגע-אומאַסע נישט האָבן.″

″אַ גן-עדן פֿאַר די פֿליגן, אָבער וואָס העלפֿט דאָס אונדז?″ באַקלאָגט זיך פּאַפּיליאָ. ″אונדז וועט מען קיין מאָל נישט אַרײַנלאָזן.″

″ס׳קען זײַן, צום באַדויערן, אַז פֿאַר געוויסע פֿון אונדז איז דער דרויסן, צום וויִניקסטנס אין דעם געגנט, צו קאַלט″, ענטפֿערט קאַלימאַ. ″פֿלאַטערלעך פֿון עטלעכע זגאַלן*** האָט מוסקאַ אָבער יאָ געזען דאָרטן. וואָס שייך די מאָנאַרך-פֿלאַטערלעך, האָט זי ערשט באַגעגנט אַ גאַנצע סטײַע, די מחנה פֿון זיי וואָס קלײַבט זיך אַוועקפֿליִען אין וואַרעמערע מקומות —″

″אוי, הלוואי וואָלט איך מיט זיי געקענט מיטפֿליִען!″ זיפֿצט אָפּ ביטער מאָנאַרכעלע. ″אוי, ווען איך וואָלט נאָר געקענט אַרויס!″

″נו, נאַרעלע, וואָס פּרוווסטו עס נישט טאָן נאָך אַ מאָל?″ האָב איך פּלוצעם אַרויסגעשריגן; אָבער דאָס קולכל איז מיר אַ פּנים געווען צו דין, האָט מיך מאָנאַרכעלע אפֿילו נישט דערהערט. האָב איך געטאָן אַ בריקע מיט אַלע פֿיסעלעך אין

״פֿערדלס״ רוקן, און — ווען אויך דאָס האָט קיין רושם נישט געמאַכט — אײַנגעביסן מיט די קײַערלעך אין זײַן קאַרק. דאַכט זיך אַז אַפֿילו נישט זײַענדיק קיין מענטש, האָב איך נאָך אַלץ שלעכט באַהאַנדלט די פֿלאַטערלעך נעבעך. אָבער מײַן כּוונה איז געווען אַ גוטע; און דער פּועל-יוצא אויך, ברוך-השם, אַ געווונטשענער. פֿאַר גרויס ווייטיק האָט מײַן ״פֿערדל״ אויפֿגעצאַפּלט און איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן היטל פֿון יענעם שומר, וואָס האָט פֿריִער דערציילט די מעשׂה פֿונעם היטל. יענער איז געווען דער לעצטער מענטש וואָס בלײַבט אינעם וויוואַריום. ער האָט גאָרנישט נישט באַמערקט, נאָר האָט רויִק אַרויסגעטראָגן דאָס פֿלאַטערל דורך די טאָפּעלע טירן...

ס׳באַווײַזט זיך אַ גרויסע ליידיקייט, ווי די עפֿענונג פֿון אַ הייל אויפֿן דרויסן — דאָס שמאָלע שפּעלטעלע פֿון אַ מוזיי-פֿענצטער איז מאָנאַרכעלע פֿריילעך אַרויסגעפֿלויגן אין די אָוונטדיקע גרין-בלאָע גערטנער אַרײַן. איך, זײַן רײַטערל, בין אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּאַדלאָגע פֿון מוזיי-קאָרידאָר — געציילט רגעס איידער דער שומר האָט מיט אַ טראַסק פֿאַרהאַקט דעם פֿענצטער.

״דער מוזיי וועט זיך פֿאַרמאַכן אין פֿינף מינוט אַרום״, האָט ער צו מיר העפֿלעך געמאַכט, און איך האָב זיך פֿאַרחידושט וואָס אַ ״ריזן-אָפּפֿרעסער״ זאָל בכלל רעדן צו אַזאַ אומזעעוודיק ברעקל ווי איך. האָב איך זיך צו ביסלעך געכאַפּט אַז ס׳איז שוין געענדיקט — כ׳האָב צוריקבאַקומען דעם צלם-אלוקים, דאָס מענטשלעכע געשטאַלט. בין איך אַהיימגעפֿאָרן, בענטשנדיק גומל, און אויך פּלאַנירנדיק אַ באַקלאָגבריוו, אפֿשר דעם מוזיי, אפֿשר דער רעדאַקציע פֿון שטאָטצײַטונג, לטובֿות די איבערגעבליבענע פֿאַרמוטשעטע פֿלאַטערלעך. אָבער — וועט מען גלייבן מײַן גבֿית-עדות?

1998 דעצעמבער